145 - 132 (1963) 30 מס יד-עם

# מכירת יוסף

פתיחה: (מופיע הליצן — לבוש חליפת אר־גמן — וכובע אדום, מתחיל ב־אליאַם / בערך „האלר").

אַליאַם פּאַיאַץ, כ'בין פּאַיאַץ, אַ קאַשע ברויט, אַ ווייצן ברויט, / אַ כאַפּ אַריין... טראַ לאַ לאַ, טראַ לאַ לאַ, האַליאַם פּאַיאַץ! / כ'וועל אייך פאַרציילן די היפּשע ווינדער, / וואָס האָט פּאַסירט מיט יעקב'ס קינדער. / כ'וועל אייך פאַרציילן היפּשע זאַכן / די געשיכטע פון יעקב'ס קינדער באַקאַנט צו מאַכן! / טראַ־לאַ־לאַ... טראַ־לאַ־לאַ... אַליאַם פּאַיאַץ! // יעקב און זיינע קינדער זיינען בעקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט, / יעצט וועלן זיך אַלע קאַוואַלערן און הערן דאָ ווערן ~~אַרויסגע~~ געשטעלט... (נכנסים כל בני יעקב לבושי תלבשות ססגוניות, איש חרבו על ירכו ועל כובעו פתק עם שמו.

טראַ־לאַ — טראַ־לאַ־לאַ — מיינע ליבע פריינדין! / אָט קומט אַריין דער אַלטער פאָטער יעקב אויף אַ קאַשקע צו רייטן / האָט געדולד ליבע קאַמעראַדן און דאַמען, / וועלן מיר פאַרשטעלן דעם מכירת (־כירינג) יוסף שפּיל אין גראַמען. / זייט לוסטיק, און זייט פריילאך, / וועל איך אייך דער־ציילן די געשיכטע פון יוסף המלך / שאַ, שטיל.

אָט קומט דער אַלטער פאָטער יעקב אָן.

(יעקב מובל על ידי המשרת, מופיע על הבמה, ומתיישב באמצע).

יעקב: אוי, אוי, דינער!

המשרת: וואָס, בעל־הבית, ווילט איר?

יעקב: יאָג אַרויס די הינער...

המשרת: אַשאַ, אַשאַ, אַשאַ! (מגרש העופות).

יעקב: גיי אַרויס און קויף מיר אַ פּעקל פּע־טערבורסקע טאַבאַק.

המשרת: וואָס פאַר אַ טאַבאַק? פּעטער... פּעטערדו... פּעטערדזבסקע טאַבאַק...

יעקב (צועק): דו האָסט געהערט? ברייננ פּעטערבורסקע טאַבאַק!

המשרת: גוי יאָ. פּעטערדובסקע...

יעקב לבניו: אתם ובניכם וכל קרוביכם / שמעו נא אשר אני אומר אליכם / דברים אחדים, אשר יקרה אתכם באחרית הימים. // טייערע קינדער, כ'וועל אייך עפּעס זאָגן, לערנען אייך גאָטס וועג, / אחדות זאָל ביי אייך הערשן, תורה זאָלט איר לערנען גאַנצע טעג. // מיין זיידע אברהם האָט דעם אל יזיד דערקענט / אַלע אָפּגעטער פאַרניכ־טעט — דעם ריבון העולם געדינט. // לעבט קינדער'לאַך בשלום. האָט ליב איינער דעם צווייטן, / זאָל דער דעריבאַרעמדיגער גאָט אייך פון שנאת הינם אָפּהיטן. // דער זכות פון מיינע עלטערן זאָל אייך בייַשטיין, / זיי זאָלן זיין פאַר אייך אַ מליץ יושר, אייך פון בייז היטן, / און וואו ר'וועט זיך קערן און ווענדן — זאָלט איר באַגליקן // און איר, טייערע קינדער / גיט אין פעלד וועדן די שאָף און רינדער // יוסף מיין בן זקונים — בלייבט ביי מיר לערנען תורה. / ובזכות זאת יינצל מפחד וממורא.

(הוי יעקב, פרט ליוסף — יוצאים את הבית).

יעקב: יוסף בניָן כ'וויל דיר דערמאָנען / גע־דיינק, השם יתברך איז אַ אל רחום וחנון. / זעץ זיך דאָ אַנידער, / ווייל כ'ליב דיך מער ווי אַלע ברידער... // דאָס וואָס איך האָב געלערנט ביים זיידן, / וויל איך מיט דיר אַדורכריידן // ~~אַנקומענדיקע~~ פּיל צרות האָט דער זיידע אברהם געליטן — געוויס איז דאָס בע־קאַנט, ווייל ר' האָט דעם איינציגן בורא עולם אָנערקענט. // ~~מ'האָט געוואָנערט איך דעם גאַנצן אַרענט~~ גאָטס נסים און גווירס קיינט ~~פאַרגעשטעלט~~ מ'האָט אים געוואָרפן אינעם קאַלך־אויוון, געבונדן די הענט, אָבער השי"ת האָט אים געהאָלפן — און ניט געוואָרן פאַרברענט. // מיין פאָטער האָט מיט גרויס תבונה, / זיך געלאָזט בינדן אויף דער עקידה מיט אמונה. // שטענדיק זאָלסטו זיך פאַרלאָזן אויפן לעבעדיקן גאָט, וואָס הימעל און ערד בעשאַפן האָט. // דיין גאָטזעליגע מוטער — איז געוועזן ביי מיר טייערער פון אַלעמען / צוליב איר האָב איך שווער געהאָרעוועט ביי לבן'ען // איך ליב דיך מער ווי אַלע קינדער — ווייל דו ביסט מיין טרייסט / אויבוואָל אַלע איבע־ריקע קינדער זיינען ביי מיר טייער — ווי גאָט העסט. // מיין בכורה גיב איך דיר איבער, / הערשן וועסטו איבער אַלע ברי־דער, // ווייל ראובן מיין ערשטער האָב איך דערקענט, / ר'איז אַ גיכער, אַ היצי־קער — ווי פייער ער ברענט. // דאָס כתונת הפסים, דאָס זיידענע העמדל, גיב איך דיר / און אייביק זאָלסטו געדענקען אָן מיר... // בכדי צו בעווייזן דיר ווי כ'בין דיר געאַכט, / טו איך דיר וויסן, אַז פון מצרים האָט מען עס מיר געבראַכט. //

יוסף: וואָס טויג מיר דיין גוטס און דיין פאַר־מעגן, / אַז מיינע ברידערלעך גייען ניט אין גוטע וועגן. / טידיראַם, דיראַם (X 2) / פאָטערניו, כ'~~פאַרצייל דיר~~ כ'בין זיי געטריי, זיי געטריי, / זיי עסן דאָך אוי ווי, אָבר מן החי טוען זיי עסן / אינם לעבעדיקן בורא ~~מן החי טוען זיי עסן / אינם לעבעדיקן בורא~~ טוען זיי פאַרגעסן / מיט זייערע קעפּלאַך טוען זיי מיאוס שפּעקולירן, מיאוס שפּעקו־לירן / און מיט פרעמדע נשים טוען זיי זיך אַרומפירן. / טידיראַם... טידיראַם... / צו איז דען מעגליך — אַ מענטש זאָל מיט זיינע הענט פייער שאַרן? / אַזוי קאָן מען דעם יצר הרע — ניט ~~אַוועקלייגן~~ אָפּנאַרן. / טידיראַם... / דערום איז מיר פאַר אַגעוויס, פאַר אַ געוויס, / אַז מ'גייט מיט פרעמדע נשים, קאָן מען זיך ניט פאַרהיטן פון זנות. / טידיראַם־טידיראַם...

יעקב: אוי, אוי, דינער!

ADUREKHRAIDN

משרת: וואָס ווילט איר, בעל הבית, לעבן?

יעקב: לויף נאָר שנעל געשווינדער / אין פעלד אריין צו מיינע קינדער, / זאָג זיי ס'זאָל זיי ניט פאַרדריסן, / כ'האָב פאַר זיי זיי אַ סוד צושמועסן.

(הבנים באים מבוהלים).

ראובן: — ליבער פאָטער געטרייער, מיר האָבן אין פעלד פאַרלאָזט דעם עדר. וואָס האָסטו אונז שנעל גערופן? / וואָס ווילסטו אונז שטראָפן?

יעקב: אוי לאָזניים (שככה שומעות) / איך אתם בני מלאי עוונות / טידיראם... / ווי צו מיר וואָס כ'האָב געטהון הערן) / אויף מיינע אַלטע יאָרן — טוט איר מיר צרות פאַרמערן // ווי אַזוי קען איך אייך זיין געטריי, זיין געטריי, / אַז איר עסט דאָך אבר מן החי? // אבר מן החי (טוט איר עסן) / אינם לעבעדיקן בורא עולם טוט איר פאַרגעסן // אוי, מיינע קינדער, גייט (אינם גוטן וועג) / טוט תשובה צום רבש"ע און פאַסט טעג! // ווי אַזוי קענט איר זיך אויפפירן / אין מיט פרעמדע נקבות זיך אַרומפירן? // דער יצר הרע טוט זיך אונטערשאַרן, / אָבער דעם בורא מען ניט אָפּנאַרן. //

שמעון: ליבער טרייער פאָטער, ס'איז אַ דומ־הייט צו הערן צו די בלבולים וואָס מ'האָט פאַרציילט. דאָס זיינען די רייד פון „בן־זקונים", / כדי אונז צו פאַרשוואַרצן ס'פּנים.

יהודה: מיר טוען זיך אין פעלד צוריקערן, / כדי די רייד פונם מסור ניט צו הערן...

יוסף: שאַ, ליבער פאָטער און איר ליבע ברידער — <u>הערט מיין חלום</u>

1

איך בין געווען אין פעלד אַליין
נאָך אַ זונען־טאָג א שווערן
איינגעשלאָפן אויף א שטיין
חלומען זיך מיר עלף שטערן.
בוקן זיי זיך מיר מיט זייער שיין.
פאָטער יעקב טוט דערקלערן:
דער האַר פון מיינע ברידער וועל איך זיין,
דער הערשער זייער וועל איך ווערן.

<u>ברידער:</u>
דער האַר פון דיינע ברידער וועסטו זיין?
דער הערשער אונדזער וועסטו ווערן?

<u>יוסף:</u>
אויך מאָרגן, ווידער שלאָף איך איין
אין אַ טיפן שלאָף א שווערן.
כ'זע אַ חלום. אך ווי שיין:
זון, לבנה און עלף שטערן;
בוקן זיי זיך מיר מיט זייער שיין.
פאָטער יעקב טוט דערקלערן:
דער האַר פון טאַטע־מאַמע וועל איך זיין,
דער הערשער זייער וועל איך ווערן.

<u>ברידער:</u>
דער האַר פון טאַטע־מאַמע וועסטו זיין?
דער הערשער זייער וועסטו ווערן?

<u>שמעון:</u> פאָטער, הער ניט די רייד פונעם העלד, / מיר קערן זיך אין פעלד.

(ברידער גייען אָפּ.)

יעקב: יוסף בני, מאוד יקר אתה לי, / אש בוערת עכשיו בלבי, / מיינע קינדער זוימען צו לאַנג אין פעלד / אפשר האָט זיך דער שטן חלילה אַוועק געשטעלט / כ'וויל דיך שיקן אַ שליחות / גאָט זאָל דיך באַשירמען פון בייזע רוחות גיי, מיין טייערער, זאָלסטו זען, / וואָס איז מיט דיינע ברידער געשען?

יוסף: איינציגער פאָטער, געטרייער פאָטער, / כ'פאַרנעם דיינע רייד היינט / כאָטשע כ'ווייס אַז די ברידער האָבן מיך פיינט...

יעקב: יוסף בקירי, בזכות כיבוד אָב וועט דיר גאָרנישט שאַטן, / און גיי מיט הצלחה. קער ווידער די ברידער צום אַלטן טאַטן. / און יעצט וועל איך פאַר אַ סגולה — לערנען דיר די פרשה פון עגלה ערופה / אויך תפילת הדרך — איז דאָך פאַר אַ סכנה

אַ גרויסע תרופה / כי ימצא בדרך איש חלל, ולא ידוע מי עשה את המעל / דאַרפן די זקני העדה ביים טויטן מחילה בעטן / ברענגען אַן עגלה פאַר א קרבן. די זינד פון די איינוואוינער פאַרגעבן, די וועג איז פול מיט סכנות. גאָט וועט דיך באַשירמען, פון שדים און רוחות. / יברכך השם וישמרך ויצילך האל בכל דרכיך / ברוך אתה בצאתך. תחזור בשלום עם אחיך.

(יעקב מלווה את יוסף עד הדלת. יוסף יוצא).

## האחים בשדה

לוי: ווי שיין און ווי פיין זיינען מיר, ברי־דער, / מיטאָג יעצט וועלן מיר זינגען לידער...

יששכר: ווי שיין און ווי פיין זיינען מיר ברידער צעהן, / זאָל אונז חלילה קיין עין־הרע גישען...

נפתלי: ניין, ברידער, לאָמיר ניט זיצן, / ניט לאָזן די שאָף דערהיצן...

יהודה: לאָמיר ניט זיצן און ניט שטיין. / לאָמיר אָנהייבן קיין דותן (־דויסן) צו גיין...

שמעון: לאָמיר גיין קיין דותן, יוסף'ן פון ברודערשאַפט צו פאַרשטויסן / קיין דותן צו גיין איז שווער און ניט גוט, / מיר וועלן יוסף'ן טויטן — פאַרגיסן זיין בלוט.

(יוסף תועה בדרך).

יוסף: איך גיי און גיי צווישן די וועגן / קומט מיר דער מלאך גבריאל אַנטקעגן / פרעגט ער מיך וואָס טו איך קריכן? — ענטפער כ'אים, מיינע ליבע ברידער טו איך זוכן, זאָגט ר'מיר, זיי זיינען געגאַנגען קיין דותן, / מיט דער עצה מיך פון זיי אַוועקשטויסן, / אוי, אוי, אוי...

לוי — לאחיו: איך מוז אייך אינפאָרמירן, / אונזער ברודער יוסף מוז היינט קראַפירן! (מסתכל מרחוק וקורא): עמדו, עמדו ממקר מותיכם, / ותראו את בעל חלומותיכם... פון אייערע ערטער טוט אויפשטיין / און זעט ווי דער בעל החלום קומט צו גיין...

יוסף: פרייד צו אייך, ברידער, / דער אַלטער פאָטער האָט מיך צו אייך געשיקט ווידער. /

וואָס מאַכט איר, ברידער טייערע? אונזער פאָטער איז פאַרזאָרגט פון אייער זיין אין פעלד, אַ גוט מאָרגן אייך אַלע!

שמעון: וואָסער גוט מאָרגן? / ווער דער־שטיקט און דערוואָרגן! / דו עוכר ישראל, האָסט די ווערט / צו שלאָגן דיין קאָפּ מיט די שווערד...

יוסף: (מתחנן), ברידערלעך, אוי מיינע טייע־
רע ברידערלעך, / וואס טוט איר אויף מיר
אזוי צערנען, / לאזט מיך אהיים צום אלטן
פאטער יעקב תורה לערנען / אוי ווי!
גידענקט אין לעבעדיקן גאט! וואס הימעל
און ערד באשאפן האט!

שמעון: דו האסט פארן פאטער רכילות גי־
טראגן, / גלייך ווערסטו אויף טויט גי־
שלאגן...

יוסף: ברידערלאך, אוי מיינע טייערע ברי־
דערלאך, וואס טוט איר אזוי פיל צער־
נען? / לאזט מיך אהיים צום אלטן פאטער,
יעקב, תורה לערנען / אוי לי ולבי שחטא־
תי, / טוט ניט קיין בלוט פארגיסן, / אוי
ווי, אוי ווי, ווי.

ראובן: אל תשפכו דם! טוט ניט קיין בלוט
פארגיסן, / ס'וועט אונזער אלטן פאטער
פארדריסן.

כולם שואלים: וואס דען זאלן מיר טון אים? /
דעם מסור, דעם בן־זקונים...

ראובן: אט ווארפט עם אין דיזן גרוב אריין, /
וועלן מיר פון אים אויף אייביג פטור זיין...

לוי: ברידער, ברידער, טוט זיך באמיען, /
טוט אים זיין זיידן העמדעלע אראפציען, /
זאל אונז זיין וואהל און ליב! / נו, קנאקט
אים אריין אינם לייבן גרוב (גריב).

יוסף (מתוך הבור):

איך שלאנגען און עקדישן,
איך טו אייך באשווערן,
איר זאלט צו מיין ליב
ניטס פוען זיך קערן.
איך שלאנגען און עקדישן
צי ווייסט איר ווער איך בין?
כ'בין יצחקס אן איניקל,
יעקבס א זין!

פאטער יעקב, פאטער יעקב,
ווי איז מיר, ביטער איז מיר
וואס איך בין פארוואגלט
געווארן פון דיר!
ווי איז מיר, ביטער איז מיר
וואס איך בין פארוואגלט
געווארן פון דיר!

איך שלאנגען און עקדישן,
הערט אויס מיין באפעל:
איר זאלט טון פארשליכן
פאר מיר אייער מויל!

פאטער יעקב, פאטער יעקב אאז"וו

(שיירות גמלים עם ישמעאלים ומדיינים
נראים באופק וסרים):
כאלאסטרא גוראי / מיר זיינען פון טערקיי /
קולי דיני כאן... צו פרעסן, צו זויפן... אל־
הים, אלהים... טאראראריו!

יהודה: אט קומען אן א באנדע ערלים, /
לאמיר אים פארקויפן צו די ישמעאלים /
אזוי וועלן מיר פונם מסור פטור ווערן
און ר'וועט זיך קיינמאל נישט צוריק אומ־
קערן...

(כולם שרים): דאס וועט זיין דער בעסטער
אופן / יוסף'ן וועלן מיר פארקויפן!

(מסדרים את הקניה. עומדים על המקח
ובסוף מקבלים 50 שקל ותוקעים כף).

יוסף: אויבן אלטן פאטער האט־רחמנות, ברי־
דער, / לאזט מיר גיין צום פאטער ווידער...

שמעון: פאק אין דיינע חלומות, און ס'נעמט
א סוף צו דיין רכילות...

יוסף: גאט, מיין גאט! באשעפער פון דער
וועלט, / זעה ווי איין ברודער דעם צווייטן
פארקויפט פאר געלט, / אדיע, מיינע ליבע
ברידער, אדיע, אדיע, אדיע!

כולם: אדיע, ברודער, אדיע, אדיע! / דאס
איז דער בעסטער אופן, / א ברודער א מסור
צו פארקויפן!

ספר הישר

יוסף (רואה מרחוק קבר רחל אמו): ס'טהוט
אין מיר ציטערן יעדעס גליד און אבר,
יעדעס גליד און אבר... / יעצט בעוויזט
זיך מיר מיין מוטער רחל'ס קבר... / טרא־
לא־לא! טרא־לא־לא! / ביי מיין מוטער
רחל'ס קבר איז צו גיין און צו טרעטן, /
צו גיין און צו טרעטן / אפשר וועל איך
מיר דארטן א געבעט אויסבעטן / טרא־לא־
לא! ביי מיין מוטער רחל'ס קבר, איז צו
וויינען און קלאגן (פעמיים!) / אפשר וועט
זי מיר עפעס א בשורה אנזאגן? / טרא־לא־
לא! טרא־לא־לא! / מוטער, מוטער, איך דיין
זון יוסף קום צו דיר / און קלאפ אן ביי דיין
טיר. ווי שלעכט איז שוין צו מיר, ווי ביטער
איז שוין מיר, / כ'בין יונגערהייט פארטריבן
געווארן פונם טאטן און פון דיר / טרא־
לא־לא!

נשמע קול רחל: יוסף, יוסף מיין געליבטעס
קינד, / מיין טייערסט קינד / גיי מיט די
מענטשן גאר גערן, / וועסט אין מצרים
א מושל ווערן!

יוסף: אך, מוטער, דו ליב, אוי מוטער דו
מיין, / ווי קאן איך מיט אזעלכע מענטשן
גיין? / זיי זיינען גלייך ווי די לייבן. /
איך קאן דאך מיט זיי א ווארט ניט ריידן.

הקול: יוסף, יוסף, מיין געליבטעס קינד /
גיי מיט זיי מיט האפנונג און מוט, / וועט
דיר אין מצרים זיין גוט! / גיי מיט זיי גאר
פריילאך, / וועסטו אין מצרים ווערן א מלך
(מיילאך).

יוסף: שטיי אויף, מוטער, קוק אויף דיין
קינד / פארקויפט פאר א קנעכט האט מען
אים אצינד. / ציקארוואטשעט, צובײַלט,
דער קערפער מיאוס, / געשלאגן אין קייטן
די הענט און פיס / ווי שלעכט איז שוין
צו מיר! ווי ביטער איז מיר / כ'בין יונגער־
הייט פארטריבן געווארן פון טאטן און פון
דיר.

ישמעאלי: היי, דעם שטיין רופסטו מוטער,
און באלד וועסטו רופן דעם בוים פאטער, /
מיר וועלן דיר דערלאנגען א קליק, וועט
דיר ווערן ביטער!

ראובן פונה לאחיו: הבור ריק ואנה אני בא?! /
יוסף איז אין גרוב נישטא! / יוסף איז
נעלם געווארן, ווי אזוי וועלן מיר שטיין
פארן פאטערס גרויס צארן? / ווי וועל
איך קאנען בעווייזן מיין פנים / ווען איר
האט יוסף'ן פארקויפט צו די מדיינים!

יהודה: אן־עצה וועל איך געבן, וועט זיין
גוט, / יוסף'ס העמדל איינטונקען אין
בלוט, / מיר וועלן ברענגען דעם פאטער
א ראיה, יוסף'ן האט פארציקט א בייזע
חיה!

(ברידער קומען אַהיים. ווײַזן
יעקבן דאָס צעבלוטיקטע העמדל. יעקב
כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.)

(2)

די ברידער:

פּאָטער יעקב, פּאָטער יעקב,
וואָס טוסטו וויינען און ברומען?
מיר ווייסן דאָך נישט
מיר ווייסן דאָך נישט
ווו אונדזער ~~ברודער~~ יוסף איז
אַהינגעקומען.

פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די וועגלעך
פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די שטעגלעך
פון אונדזער ברודער יוסף!

2

יעקב:

קינדער מײַנע, קינדער מײַנע
ווי קאָן איך מיין צער פאַרגעסן?
א ווילדע חיה, א בייזע חיה
האט מײַן זון אויפגעגעסן!

אלע:

פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די וועגלעך
אאַז"וו

יעקב: ווען כ'בין אינדערפרי אויפגעשטאַנען
נעכטן, / האָט זיך מיין האַרץ געשראָקן פון
אַ חלום א שלעכטן / בייזע חיות פרעסן
שטיקער פלייש אין אַ זייט, / ס'הערט זיך
אַ מענטשן געשריי פון דערווייט / אויך
האָט זיך באַוויזן אין חלום / מיין ווייב
רחל עליה השלום // מיט ווייסע תכריכים
פאַרוויינט, אין שלאָף / שרײַענדיג, אַז
חיות האָבן צוריסן אונזערע שאָף. / און
יעצט וואָס זעען מיינע אויגן? / ווי איז
מיין יוסף, וואָס כ'האָב אים אליין דער־
צויגן?// רחל האָט מיר אָנגעזאָגט די בשו־
רה, / חיות האָבן אים צעריסן, זיין לײַב
איז ניט געקומען צו קבורה.// רחל, רחל,
מיין עקרת הבית, / זע פון דיין זונס
פלייש האָבן גיפרעסן חיות! / וויפל האָסטו
געקלאָגט טעג און יאָרן / ביז דו האָסט
אונזער יוסף'ן געבאָרן.// איצט איז פאַר־
לוירן מיין האָפענונג, יוסף'ן צו זען פאַר
מיינע אויגן!

כולם שרים: אוי, אוי, פאָטער, טרוף טורף
יוסף, חיה רעה אכלַתהו!

akhalasu → akhalasif

יעקב: יעצט ליבע קינדער, טהוט זיך אין
פעלד אַריין צוריקקערן / אפשר וועט אייך
דער באַשעפער עפּעס אַ סימן באַשערן? /
די ערשטע חיה וואָס איר וועט ענטפאַ־
גען, / זאָלט איר זי מיר אין האַנד דער־
לאַנגען.

ספר הישר

נפתלי מביא את הזאב: זאת החיה אשר מצא־
נו, / ואת עצמות יוסף לא ראינו... / די

דאָזיגע חיה האָבן מיר געפינען / פון יוסף'ס
ביינער קיין שום סימן...

יעקב: חיה, בייזע חיה, כ'טהו דיך באַשווערן, /
זאָלסט מיר זאָגן, און גוט אויסהערן, //
פאַרוואָס האָסטו מיין זון יוסף פאַרציקט, /
און מיט זיין הײליקן פלײש זיך דערקוויקט //
דערפאַר זאָלסטו ווערן פאַרשאָלטן: דיינע
קינדער זאָלן ווערן ~~[illegible]~~ פאַר־
שפּרייט אין אַלע עקן...

החיה מדברת: יעקב, יעקב, וואָס ווילסטו פון
מיין לעבן? / ס'איז פאַרהאַן אַ גאָט אין הימל
— מ'דאַרף אים דין וחשבון אָפּגעבן / טראַ־
לאַ־לאַ! יעקב, יעקב, לאָז מיך צורו / כאשר
קרה לך כן קרה לי / טראַ־לאַ־לאַ! עשרה
ימים לא אכלתי ולא שתיתי, / ואת בנך
יוסף לא ראיתי, / טראַ־לאַ־לאַ! צען טעג
און צען נעכט האָב איך ניט געגעסן / דיין
זונס פלייש האָב איך ניט געפרעסן! /
טראַ־לאַ־לאַ! יעקב, יעקב, גאָט זאָל מיר
אַזוי באַשערן / ווי דיין זון יוסף וועט צו
דיר זיך אומקערן / טראַ־לאַ־לאַ! אַנטפאָרש
האָב איך מענשס לייב פאַרזוכט, / זאָל
איך ווערן פון דער וועלט פאַרפלוכט. /
אַנטפאָרש האָב איך מענשנס לייב גיגעסן, /
זאָל איך ווערן פון דער וועלט פאַרגעסן /
יעקב, בעפריי מיך באַלד, / זוכן מיין וועל־
וועלע וואָס בלאָנדזעט אין וואַלד / השי"ת
וועט דיך מנחם־אָבל זיין / דיין יוסף וועט
גאָר גרויס אויף דיזע וועלט ווערן...

exit left up.

## גדולת יוסף

(מסדרים ההכתרה של פרעה במארש).

פרעה: היינט פאַרטאָג, כ'בין נאָר איינגי־
שלאָפן, האָט זיך מיר גיטרוימט אַ חלום:
פון טייך זיינען זיבן קי אַרויס, / פעטע
געזונטע און זייער גרויס / וויזאַווי / האָבן
זיך אַוועקגעשטעלט זיבן קי / מאָגערע,
העסליך זייער געשטאַלט / און די זיבן
מאָגערע בהמות האָבן די פעטע איינגעשלונ־
גען, זיך דערכאַפּט ס'חיות / כ'האָב זיך
אויפגעכאַפּט דערשראָקן. איך בין באַלד
איינגעשלאָפן... ווידער האָב איך געזען זיבן
פולע זאַנגען / קוקן אויף מיך, מיך ענט־

פאַנגען / און זיבן דאַרינקע זאַנגלעך
שפּראָצן און שטעלן זיך אַנטקעגן. / די
דאָזיקע קליינינטשקע, האָבן איינגעשלונגען
די דיקע, / אַלזאָ רופט מיר די חרטומים,
די באַדייטונג צו באַשיידן!

המשרת: גרויסמעכטיקער קעניג, די חרטו־
מים און חכמים ווייסן ניט דעם חלום באַ־
שיידן, נאָר דער שר המשקים פערציילט,
אַז אין טורמע זיצט אַ יונגער קנעכט איז
ער גרייט!

פרעה: ברענגט עם צו מיר.

פרעה ליוסף: איך בעט דיך, יונגער קנעכט, /
דעם חלום זיי מיר פּותר רעכט!

יוסף: ליבער הער קעניג,ביידע חלומות דיינע
איינע זיינען / וואָס גאָט מאַכט — טוט ער
דיר באַשיינען / ס'קומען זיבן יאָר אָן, וואָס
אַלעס וועט גיראָטן, / נאָכהער קומען זיבן
הונגער יאָרן, אַלץ וועט זיין טרוקן. / די
מאָגערע קי און זאַנגען דאַרע, / זיבן יאָר
פון הונגער באַווייזט דעם קעניג פּרעה/
יעצט דאַרף דער קעניג אַ מענטש מיט פער־
שטאַנד / וואָס זאָל פאַרהיטן פון הונגער
ס'לאַנד / אָנגרייטן גרויסע, פולע שייערס
תבואה, / פאַר די גאַנצע באַפעלקערונג
זאָל זיין אַ ישועה.

פרעה: כ'זעה דאָס דו ביזט אַ גרויסער חכם, /
מיט דיין מחשבה וועסטו עפינען די דרכים /
דיך מאַך איך פאַר שני למלך (־מיילאַך) /
וועסט פאַרהיטן פאַר הונגער ס'לאַנד, די
בירגער וועלן זיין פריילאך / פאַר דיר די
קרוין, / און משנה למלך זאָלסטו זיין שוין.

(יוספֿן טוט מען אָן אַ קרוין.
ער זינגט:)

**יוסף:**

איך האָב פֿיל שאָף
איך האָב פֿיל רינדער
איך האָב איין ווײַב
און צוויי קינדער.
איינער הייסט מנשה
דער אַנדערער אפרים
בין איך קעניג,
בלײַב איך קעניג
מצרים.

שרים בבית יעקב: עסן, עסן ווילן מיר, /
עסן עסן ווילן מיר! מיר ווילן עסן!
יעקב: קינדערלעך, כ׳האָב גיהערט, יש שבר
במצרים / כי משנה המלך הֵכין תבואות
במחסנים / עפּעס מיין האַרץ טוט מיר
זאָגן / אפשר וועט מען דאָרטן מיין אבדה
געפֿינען, / גייט קיין מצרים נאָך תבואה,
מיינע קינדער, / יעדער קומט אָן נאָך
אַ טויער בעזונדער / בכדי זיך פֿון אַ עין
הרע פּאַרהיטן. ווייל מיין האַרץ טוט זיך
עפּעס שרעקן...

## בני יעקב במצרים

בני יעקב: שלום לך אדוני, משנה המלך,
ירום הודו! / פֿון כנען זיינען מיר געקר־
מען, דער הונגער איז שטאַרק — ס׳איז
גאָטס צאָרן.
יוסף: יאָ, ר׳זייט קיין מצרים געקומען תבואה
קויפֿן, / פֿאַר וואָס זענט איר נאָך אַלע גאָסן
בעטון לויפֿן? / שוין דעם דריטן טאָג זייט
איר דאָ / און ביי די שפּייכלערס זענט איר
גיטאָ? / אין אייער פּנים טו איך דער־
קאָנען / ר׳זייט ניט קיין סוחרים — נאָר
קענטיג אַז שפּיאָנען.
יהודה: הויך מאַיעסטעט, ווי קאָן גישען, /
אַז אייניקלאַך פֿון אברהם הע־ברי זאָלן
שפּיאָנען זיין?
מנשה קורא: ראובן בן יעקב אָנגעקומען אינם
1־טן טויער, / שמעון — צווייטער, לוי —
דריטער א.א.וו.
יוסף: געַנוג. לאחיו: ווען אין מצרים זאָלן
זיין צוואַנציג טויערן, וואָס וואָלט איר גע־
טון? פֿלוצלונג האָט איר זיך פֿאַרשפּרייט
צווישן די טויערן, / דאָס האָט דריי טעג
געטון דויערן / ביז מיינע דינער האָבן
ס׳אויסגעפֿונען. / ר׳זייט שפּיאָנען, דאָס איז
דער בעסטער סימן!
יהודה: אדוני משנה למלך. מיר יעקב׳ס קינ־
דער זיינען זייער ערליך / מיר האָבן קיין
מלוכה צו פֿירן, / טאָ וואָס דאַרפֿן מיר אין
מצרים שפּיאָנירן? / צוועלף ברידער זיינען
מיר גיוועזן. איינער איז אין דער היים פֿאַר־
בליבן. דער צווייטער איז אַוועק געקומען.
אונזער פֿאָטער טרויערט אויף אים צוויי
און צוואַנציג יאָר. זוכן מיר אים דאָ ערגיץ
געפֿינען.
יוסף: נו, מיינע טייערע גענעראַלן, / ווי
ווערט עס אַ ברודער פֿערפֿאַלן? / אַזש
קיין מצרים טוט איר דערגרייכן / — כ׳זאָל
עם פֿלוצים דאָ ערדייכן...

יוסף למנשה: נו, טו אָנפֿילן זייערע זעק, /
און זאָל עס שוין נעמען אַן עק...
(פונה לאחיו): יעצט פֿאָרט איר אַלע אַ־
היים / אייער ברודער שמעון דער גבור
בלייבט אַליין / ווען איר וועט ברענגען /
אייער יונגסטן ברודער בנימין / איז אַ סימן
אַז איר זייט ניט קיין שפּיאָנען / ביז דאַן
זיצט אין תפיסה שמעון, / כ׳וועל אים
בעפֿרייען ווען אייער ברודער וועט קומען...
שמעון: מיך וועט מען ניט אַרעסטירן /כ׳דער־
לאַנג דיר אַ שאָס וועסטו קראַפּירן...
(לאחר שאסרו אותו בכבלים) — ברודער
ס׳איז אַ מעראַכע (־מערכה) / דער קלאַפּ
איז קענטיג ווי פֿון דער משפּחה...
(מסתובב באזיקים ושר): כ׳בין ווערט, כ׳בין
ווערט צו גיין געשלאָסן אין קייטן / בע־
ווייל כ׳האָב געוואָלט מיין ברודער יוסף
טויטן, // כ׳וועל זיך באַוויינען און קלאָגן
אויף יעדן גליד און אֵבר... יעדן גליד און
אֵבר / אַז דער זיידע אברהם זאָל דערהערן
אין קבר // אוי, וויי! כ׳וועל זיך באַוויינען
און באַקלאָגן מיט ביטערע טרערן, מיט
ביטערע טרערן... אַז דער פֿאָטער יעקב זאָל
אין דערהיים דערהערן, // אוי, וויי! ברודער

יהודה לעב (פעמיים), קוק אָן מיין צורה /
לויף אַהיים צום טאַטן, זאָג עס, אָן די
בשורה, // אוי, וויי! ברודער יהודה לעב,
ברודער יהודה לעב, קוק אָן מיין געשטאַלט /
לויף אַהיים צום טאַטן. און מאַך אַ גרויס
געוואַלט // אוי, אוי... דעם ברודער בנימין
ברענג אַהער געשווינד, / אפשר וועט זיך
ענדיגן דער גרויסער ווינד...// דעם אַלטן
פֿאָטער לאָז האַרציג גריסן, / זאָג אים אַז
מ׳האָט מיך געטון שליסן...
יוסף למנשה: פֿיל אָן די זעק — גיב אַ גוטע
מאָס / לייג אין רעפּטלעך פֿון די קעמלעך
— זייער מעות.
בני יעקב באים לבית אביהם — בשירה.
עסן, עסן האָבן מיר געבראַכט. עסן, עסן..
יעקב: שלום לכם, בני היקרים. ספּרו אודות
נסיעתכם וקורותיכם... היכן שמעון?
יהודה: שווער האָט דער מושל מיט אונז
גערעדט / אַריינגייענדיג נאָך אַלע טויערן
איז גאָר אַ חטא / האָבן מיר דערום געמוזט
פֿאַרציילן, / אַז אונזערס אַ ברודער איז
געגאַנגען פֿאַרלוירן... פֿאַר דיר, טייערער
פֿאָטער, האָט ער אַ גרויס באַפֿוילן, / און
שמעון׳ען פֿאַר אַ משכון גיטון הוילן. / ווען
מיר וועלן אים בינימין׳ען ברענגען — וועט
ער באַלד שמעון׳ען באַפֿרייען...
יעקב בוכה: אדושם, אדושם! (השם, השם) אל
רחום וחנון! ס׳איז שוין צייט. ס׳איז שוין
צייט. זאָלסט זיך איבער מיינע צרות דער־
באַרמען...
בני יעקב (שואלים): וואָסערע צרות האָסטו,
טאַטעניו?
יעקב: יוסף איז נישטאָ. שמעון איז נישטאָ.
בנימין׳ען ווילט איר צונעמען / כ׳וועל דאָך
פֿאַר די צייט, חס ושלום, ירשנען דאָס
גיהינום.
(כעבור זמן מה נשמעים בבית יעקב צעקות).
עסן, עסן ווילן מיר. מיר ווילן עסן. עסן,
עסן ווילן מיר!
יעקב: וואָס פֿאַר אַ געשריי הער איך, / כ׳קאָן
דאָך גאָרניט קומען צו זיך.
יהודה: זיי אַלע זיינען הונגעריג / די שפּייכ־
לערס זיינען שוין ליידיג... בכדי קיין מצרים

צו גיין, מוז מיט אונז בניאמלע מיטגיין.
יעקב: ווי קאָן איך בלייבן אַליין / אין גאַנצן
עלענד ווי אַ שטיין? / בנימין'ען ווילט איר
מיר צונעמען? / בכדי פון רחל'ן דאָס לעצטע
גידעכיניש צונעמען...
יהודה: אנוכי אערבנו, מידי תבקשנו, אבי /
תמורתו אתן את ראשי...
יעקב: השם יצליח דרככם. ויחזיר לנו את
שמעון ובנימין — הבנים. און אפשר יתגלה
לפניכם, / די שפורן פון יוסף, ברוב עמל־
כם. / אלי, אלי יקירי, שמע קולי, / ואת
צרותי תסיר ממני.
האחים מגיעים מצרימה.

באים לפני יוסף: פאָר דיר מאַיעסטעט, פרידן /
מיט כבוד זיינען מיר געקומען, / און גע־
בראַכט לויט אייערע פאַרלאַנגען, / אונזער
יונגסטן ברודער בנימין'ען / ~~מיר ווייסן~~
~~ניט וואָס ס'איז גישען, / קומענדיג אין~~
~~קרעטשמע האָבן מיר ס'געלד געזען?~~
יוסף: וואָס מאַכט איר, געסט פון כנען? /
און אייער אַלטער פאָטער מיט די בני
הבית? / ~~דער גאָט פון אייער זנגדע / האָט~~
~~אייך ס'געלט געשיקט אין די געטריידע~~ /
דאָ האָט איר אייער ברודער שמעון, / מיט
אייך קאָן ער שוין פאַרברייננגען.
שמעון: ברודער יהודה לעב, ברודער יהודה!
כ'וועל דיר פאַרציילן גוטע נייעס / דער
אדוני משנה למלך — האָט מיר געגעבן
עסן פעטע און גוטע שפייז / כ'זאָל גיוועו
זיצן נאָך אַוואָך פיר, / וואָלט איך ניט
גיקאָנט אַדורך די טיר.
יוסף: הא! דאָס איז אייער יונגסטער ברודער
לעבן? / ד' יחנך בני! גאָט זאָל דיר חסד
און געזונד געבן / נו, מיינע געסט, זעצט
זיך ביים טיש / ר'זייט מיינע געסט, /
מירן טרינקען, עסן פיש / איר וועט זיך
אויסזעצן זיכער לויטן באַפעל פון מיין
בעכער / זיצט — / און דו בנימין האָסט
קיין מוטער / אויך איך בין פון קליינהייט
אָן אַ מוטער / מיר וועלן זיך זעצן צוזאַ־
מען / צו דערמאָנען יעדערער זיין טייערע
מאַמען.
יוסף למנשה: גיס אָן דעם וויין / נו, בני,
יעקב, לאָמיר זיך היינט משמח זיין...
יששכר: געבענדיגסטער משנה למלך, / אויך
אונדזערע הערצער זיינען שוין לאנג פריי־
לאַך... שוין צוויי און צוואַנציג יאָר וועט
די געשיכטע זיין, / ווי מיר טרינקען ניט
קיין וויין.
יוסף: געוויס צוליב אייער פאַרלאָרענעם ברו־
דער / השי"ת וועט אים אייך צוריק קערן
ווידער.

יוסף: נו, מיינע חשובע געסט,
כ'דאַנק אייך זייער / וואָס איר האָט דעם
קליינעם ברודער, יעצט זיינען אייערע רייד
ביי מיר טייער / פאָרט לחיים ולשלום.
גריסט אייער אַלטן פאָטער אין נאָמען פון
פרעה דער הערשער.

מנשה רודף אחריהם: שטיי'ט נאָר טייערע געסט
— לויפט ניט ווי קיין שאַכער־מאַכער /
פונם משנה למלך'ס טיש איז נעלם געוואָרן
דער וואונדערלעכער בעכער / פיליכט האָט
ווער פון אייך אי. ער געלקחנט אים — אויף
זיכער / דער בעכער איז זייער טייער ביים
מלך, / א נביא, אַ קינסטלער און מאַכט
פריילאַך.
(מחפש ומוצא את הגביע באמתחתו של
בנימין).
מנשה: ליבע פיינע לייט, וואָס האָט ווער צי
זאָגן? / ווער האָט דעם בעכער צי אים פאַר־
טראָגן? / אברהם אָבינו'ס אייניקלעך —
גנבים? / הא? (נו, צו משנה למלך קומט,
זוכט אַ תירוץ אים צי זאָגן.
יהודה לבנימין: אפשר האָסטו געמאַכט עפעס
אַ שטיקל, / ווי דיין מוטער רחל מיט די
תרפים האָט אָפּגעטון אַ שפיצל.

בנימין: אך, גאָט אין הימל, וואָס וואַרפסטו
אויף מיר עפעס ווידער אַ בלבול?...
יוסף: נו, מיינע טייערע געסט — איר זייט
ניט קיין שפיאָנען נאָר פראָסטע שטילערס /
ביי דעם וואָס מ'האָט דעם בעכער געפונען, /
ער בלייבט מיין משרת, מיך צי באַדינען. /
יהודה: מיר האָבן ניט צי ריידן גוטס צי
שלעכטס / גאָט מאָנט יעצט ביי אונז זיין
רעכט, / קענטיג אַז מיר האָבן געזינדיקט.
מיר אַלע בלייבן דיינע קנעכט.
יוסף: ר'האָט פאַרגעסן אייער תורה אַ פנים /
שטייט דאָך לא יומתו על אבותם — הבנים! /
דער וואָס האָט דעם בעכער געטון שטילן /
עם וועל איך פאַר אַ קנעכט הוילן / און איר
פאָרט אַהיים לחיים ולשלום, / גריסט אייער
פאָטער און די בני בנים.
יהודה: בי אדוני, ערלויבט מיר צי ריידן, /
איר זייט שני למלך, כ'שעץ אייך ביידן /
אונזער פאָטער און מיר וועלן ניט דערליידן, /
אַז בנימין אונזער ברודער זאָל דאָ פאַר־
בלייבן. / מיר קאָנען זיך ניט בעווייזן פאַרן
אַלטן, / אָן בנימינען קומען — וועט ער
דאָס חלילה ניט איבערהאַלטן. / אַלזאָ לייג
איך אייך פאָר רעכט, / איך בלייב דאָ
אָנשטאָט ער — פאַר אַ קנעכט / כ'בין גע־
זונטער פאַר אים, ממש אַ העלד, / כ'קאָן
באַדינען אין הויז און אין פעלד / לאָמיר
זיך בשלום שיידן, ר'דאַרפט וויסן / אַז 2
ברידער אונזערע האָבן גאַנץ שכם צעשלאָגן.
יוסף: כאַ, כאַ, כאַ, אָט אַ קונץ אַ שיינער,
ר'האָט געהאַנדלט ווי קעמפערס פיינע /
זיי זיינען אַלע אין די בעטן גילעגן, / האָבן
זיי זיך ניט גיקאָנט שטעלן אַנטקעגן / דאָ
וועלן מיר דאָס מיליטער מאָבילייזירן, / און
מיט אייך אַ שרעקליכן קאַמף פירן. / פאַר־
וואָס, יהודה, טוען אַלע ברידער שווייגן,
זיצן, / נור דו טוסט זיך צעהיצען?
יהודה: כ'בעט ר'זאָלט בנימינען אָפּגעבן, /
ווייל פאַרן פאָטער האָב איך ערב גיווען
מיטן לעבן.

יוסף: פאַרוואָס האָסטו פאַר דיין ־פאָטער ניט ערב געווען פאַר יוסף׳ס וועגן?
יהודה: אויב ר׳וועט מיך דערצערנען, / וועל וועל איך גאַנץ מצרים אין בלוט פאַרפאַרבען!
יוסף: פאַרבערס זייט איר גוטע, פאַכלייט. יוסף׳ס העמדל, געפאַרבט / און דעם פאָטער פאַרנאַרט.
יהודה לנפתלי: גיב לויף אין אַ שעה צייט אין מצרים, וויפל גאַסן ס׳איז דאָ?
יהודה: אדוני המושל, הער וואָס כ׳זאָג דיר, דער כעס שטורעמט אין מיר.
יוסף: כ׳מיין אז דער כעס פון תמר׳ן שטורעמט אין דיר...
נפתלי (בריצה): כ׳בין שוין ווידער דאָ. 12 גאַסן איז אין מצרים דאָ.
יהודה: נעמט זיך ברידער צום געווער. (מוציאים החרבות). נו, מיין העלד, קום נאָר אַהער.
יוסף למנשה: הייס אַלע פרעמדע גיין אַרויס, / די בני יעקב זאָלן בלייבן אין הויז!
יוסף לאחיו: איר זאָגט אַז יוסף, אייער ברודער, איז ניטאָ / איך קאָן אייך באַווייזן אַז ער לעבט, אין דאָ / יוסף בן יעקב בוא אל אחיך! / קום צי דיינע ברידער / איידער זיי מאַכן אַ געפילדער און אַ גערידער.
(כולם מסתכלים הצידה).
יוסף: מאכט ניט קיין אַלאַרעם און קיין גערידער / איך בין יוסף, אייער ברודער. / ריקט זיך ניט, ריקט זיך ניט צי דער טיר, / ריקט זיך בעסער נעהנטער צי מיר! / זייט רוהיג. ס׳זאָל אייך ניט פאַרדריסן / גאָט האָט אַזוי געהייסן, זאָלט איר וויסן / דער לעבעדיגער בורא עולם האָט געהאָלפן. / אייך פון נויט און הונגער אַרויסשלעפן. / משנה למלך כ׳זאָל זיין לויטן רצון פון בורא, / זאָגט דעם ליבן פאָטער אַז כ׳היט די תורה, / דעם פאָטער יעקב אין ליבען, / זאָלט איר מיט די גאַנצע משפחה אַהער

ברענגען, / אָט שיק איך צום פאָטער אַ תרופה. / ר׳זאָלט אים דערמאָנען אין מיין נאָמען די פרשה עגלה ערופה.
(כולם מתנשקים ובוכים ועוזבים את הארמון בדרך לכנען).

⁂

סרח בת אשר שרה: איינס און צוויי און דריי טעגן, / בין איך מיר געגאַנגען צווישן די וועגן / איז מיר געקומען אין זינען, / קרוינ ניש לעבן, אַ טרייסט האָב איך געפונען. / ער לעבט, ער לעבט יוסף דיין זון / 22 יאָר האָסט ניט געוואוסט וואו ר׳געקומען אַהין,[13] האָסט געמיינט אַז ר׳איז פאַרביי / ניין, ניין, יוסף חי, חי יוסף, חי יוסף, חי!
(שלוש פעמים).
יעקב: יאָ, יאָ, דו סרח בת אשר, / דיינע ריידן זיינען זיס און כשר / אויב יוסף מיין זון טוט לעבן, / זאָל דיין נשמה אין גן־עדן אַרומשוועבן. / [אויב ער טוט חלילה ניט לעבן, / ~~זאָל דיין נשמה אין שאול התחתונה~~
~~שוועבן~~
~~האבות מביאים לידי צחוק וישיבה~~ זאָל דיין נשמה ביי בוטראַענין אין בית הכסא אַרומשוועבן / ~~האָסט~~ געמיינט ער איז פערביי / ניין, ניין, יוסף חי!
כולם שרים: חי יוסף, חי, חי יוסף, חי, חי יוסף חי!

# יעקב בא למצרים

יעקב: גאָט אין הימעל וואָס זיצט אויבן, / כ׳האָב קיין ווערטער דיר צי לויבן. / אתה לשם בכל לבי, / על הנסים שעשה עמדי. / יוסף איז מיר געוואָרן פארלוירן / 22 יאָר האָב איך נאָך אים געטון טרויערן. / יעקב איז ער ב״ה אַ מושל מצרים איבער אַלעס / ס׳זענען פאַרווירקליכט געוואָרן זיינע חלומות. / ליבע קינדער אַלע מיינע, לאָמיר זיך פרייען אַלע צוזאַמען / גענוג צי טרערן. / אַ דאַנק השי״ת פאַרן חסד צי מיינע אַלטע יאָרן. / די נבואה רבש״ע האָסטו מיר פון היינט צוריק גיגעבן. / כ׳לויב דיר פון האַרצן מיט געפיל, / אַלע דורות וועלן גידענקען דעם מבירת יוסף שפיל.

כולם רוקדים במעגל.
בנימין שואל: טאַטעניו וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?...
יעקב: מירן מאַכן אַ סעודה׳ניו. (כולם) דאָס מיינט מען, דאָס מיינט מען, טשאק, טשאק!
נפתלי: וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה?
יעקב: דעם שור הבר מיטן לויתן... דאָס מיינט מען טשאק, טשאק!
יששכר: וואָס וועלן מיר טרינקען אויף דער סעודה?
יעקב: יין המשומר, יין המשומר... דאָס מיינט מען, טשאק, טשאק!
זבולון: ווער וועט אונז זינגען אויף דער סעודה?
יעקב: דבורה הנביאה, דבורה הנביאה... דאָס מיינט מען, טשאק, טשאק!
אשר: ווער וועט טאַנצן אויף דער סעודה?
יעקב: מרים הנביאה, מרים הנביאה... דאָס מיינט מען, טשאק, טשאק!
דן: ווער וועט שפילן אויף דער סעודה?
יעקב: דוד המלך, דוד המלך, דאָס מיינט מען, טשאַק, טשאק!
גד: ווער וועט אונז תורה זאָגן אויף דער סעודה?
יעקב: משה רבנו, משה רבנו, דאָס מיינט מען, טשאק, טשאק וגם משיח צדקנו. שנזכה לראותו במהרה בימינו!